הײַנט 10 זײַטען.

עדרעסען

פֿון „ראַדאָמער קעלצער לעבען“

אין ראַדאָם

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אַנאָנסען פּרייז:

פֿון מילימעטער שורה: פֿאַר'ן טעקסט 20 גר.

„ 40 „ אין „ „ „

18 „ נאָכ'ן „ „ „


# ראַדאָמער-קעלצער לעבען


ראַדאָם פרייטאג כ"ד כסלו תרפ"ו — פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאקציע נישט פֿעראַנטװאָרטליך. — 11-go grudnia 1925 roku


דער קולטור קאָמיטעט בײַם האַנטװערקער-קלוב

אין ראַדאָם, אָרדענט אײַן שבת דעם 12-טען ד. ח.

פּינקטליך 8 א זייגער איז אװענט

# א טראַדיציאָנעלען

# חנוכּה-אָװענט

אין זאַהל פֿון האַנדװערקער-קלוב.

מיטן אַנטייל פֿון דער גאַנצער דראַמאַטישער סעקציע בײַם האַנטװערקער-קלוב

מיט א אינהאַלט-רייכען פּראָגראַם,

צום שלוס טענץ אין פראַנצויזישע פאָסט צום שלוס

---

דאָס דריטע חנוכּה-ליכטעל.

הײַנטיגען זונטאָג פֿ' מקץ װעט דער שוהל-חזן ה'

# יאַפּע

בענטשען דאס דריטע חנוכה ליכט מיט זיין גרויסען כאָר: ס'װעט אויך אױסגעפֿירט װערען טעליכע שעהנע נומערען געזאַנג.

---

די סכול דזיעלניאַ קרעדיטאָװאַ פֿאַר האַנדעל און האַנדװערק. פּלאַץ 3-טער מאי נומער 2.

מאַכט באַקאַנט, דאָס דעם 26 און 27 טען גרודזיען זייגער 5 נ. מ.

— װעט פֿאָרקומען —

# א אַלגעמײַנע פֿערזאַמלונג

## פֿון די מיטגלידער מיט'ן צװעק, צו װעהלען רעפּרעזענטאַנטען אויף 3 יאָהר לויט די פֿאַרשריפטען פֿון סטאַטוט.

די מיטגלידער, װעלכע האָבען נישט געצאָהלט 25 זלאָטעס, אײַן „פאַי-אודזיאַל“ און װעלען נישט צוצאָהלען ביז דעם 20-טען גרודזיען קענען זיך אין די װאַהלען נישט בעטייליגען.

## די פֿערװאַלטונג

---

צו דער חתונה פֿון אונזער ליבע טאָכטער אסתר'ל ליפשיץ מיט ה' מאָריס האטקין אין בראָקלין (ניו-יאָרק) װינשען מזל-ברכה און א גליקליך צוזאַמענלעבען, זאָל זייער גאַנצער לעבענס-װעג לויכטען װי די פֿריהמאָרגען שײַן אין פֿריהלינג.

עלטערען

שמאי און מרים ליפשיץ.

---

Z intencji zaślubin mojej kochanej siostry **Edzi Lipszyc** z p. **Maurycem Hatkinem**, życzę wiecznego zadowolenia i szczęśliwego współżycia.

**Hanka Lipszycówna.**

---

צו דער חתונה פֿון אונזער ליבע קוזינקע פּרל' אסתר ליפשיץ מיט ה' מאָריס האטקין װינשען מיר, אַז זייער גאַנצער לעבענס-װעג זאָל זיך אָנהויבען פֿון יענע פֿריהלינג'ס-געטעגער װאו בלומען און רויזען בליהען מיט פּראַכט און גלאַנץ.

איסר ליפשיץ און פאַמיליע.

---

צו דער חתונה פֿון מיין ליבע שװעסטער'ס טאָכטער אסתר'ל ליפשיץ מיט ה' מאָריס האַטקין, װינשען מיר א האַרציגען מזל-טוב זאָל זייער בונד געשלאָסען זיין אין א מאָמענט פֿון גליק און ברכה.

מומע הדס װייסבאָרד און קינדער.

---

א גליקליכע צוקונפט אונזער געליבטע קוזינקע אסתר'ל ליפשיץ צו איהר חתונה מיט ה' מאריס האַטקין זאָל זייער גאַנצער לעבענס-װעג בעגלייט װערען פֿון ליבע, גליק און צופֿרידענהייט.

גרשון װייסבאָרד און כלה באַשע האַך

---

מיר װינשען א האַרציגען מזל-טוב אונזער געליבטע שװעסטערען - טאָכטער אסתר'ל ליפשיץ מיט ה' מאָריס האַטקין זאָל זייער פֿערבינדונג זיין א גליקליכע בונד אויף עװיגע גליקליכע און צופֿרידענע יאָהרען

פֿעטער לייזער קירשענבלאַט עם פֿרוי און קינדער.

---

# יעדע װירטין דאַרף װיסען,

אַז די מאָטעש צו פּאָדלאָגעס.

„JAŚNIEJ SŁOŃCA“ איז צו די פּאָדלאָגעס, פּאַרקעטען און ליניאָלעאום א שײַנע און לאַנגדויערנדע גלאַנץ אָהן באַנוצען זיך מיט בערשטען.

# „Jaśniej Słońca“

פֿערטריט אייל-פֿאַרב, פֿאַרבט װײַסע פּאָדלאָגעס אין פֿערלויף פֿון א שעה אויף די פֿאַרבען:

מאַכאָניאָװע און טינקעל ארזשעכאָװע

פּרובט איין איהר װעט זיך איבערציײגען!

פֿערקויף אין אַלע טקלאַד-אַפּטעטשנעס, זייף און פֿאַרב געשעפֿטען.

Fabryka przetworów techno chemicznych

**„MARY“** Warszawa, Dzielna 48. tel. 285-51.

---

מיר דריקען אויס דעם טיפֿסטען מיטגעפֿיהל אונזערע פֿריינד משה און רוזשע גאָלדשטיין צוליב דעם פֿריהצייטיגען טויט פֿון זייער יונג פֿערשטאָרבענע טאָכטעריל

# בלומטשע נ. ע.

אין אייער יונגער טאָכטעריל זאָלט איהר א טרייסט געפֿונען.

יהושע פֿרידמאַן און פֿרוי

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## פּערקלענערט דעם וועקסיל-אָבצאָל

### ביי די רעיענטען.

א דאנק דער אינטערווענץ פון סוחרים-פעראיין אין ראדאם, איז דער וועקסעל-אָבצאָהל בעדייטענד פּערקלענערט געוואָרן פון 1-טן דעצעמ. ה. י. אָן דער אָבצאָהל איז לויט פאלגענדען סדר:

| א וועקסיל פון זל. | רעיענט | פּראָטעסט |
| --- | --- | --- |
| פון 10 זל. | 50 גר. | 3 זל. מיט 25 גר. |
| ביז 20 „ | „ 50 | 3 „ „ 30 „ |
| „ 30 „ | „ 50 | 3 „ „ 35 „ |
| „ 40 „ | „ 50 | 3 „ „ 40 „ |
| „ 49 „ | „ 50 | 3 „ „ 45 „ |
| „ 50 „ | 1 זל. | 3 „ „ 45 „ |
| „ 60 „ | „ 1 | 3 „ „ 50 „ |
| „ 70 „ | „ 1 | 3 „ „ 55 „ |
| „ 80 „ | „ 1 | 3 „ „ 60 „ |
| „ 90 „ | „ 1 | 3 „ „ 65 „ |
| „ 100 „ | „ 1 | 3 „ „ 70 „ |
| „ 149 „ | „ 1 | 3 „ „ 95 „ |
| „ 150 „ | „ 1 | 3 „ „ 95 „ |
| „ 199 „ | „ 1 | 5 „ „ 18 „ |
| „ 200 „ | „ 1,20 | 5 „ „ 20 „ |
| „ 250 „ | „ 1,45 | 6 „ „ 45 „ |
| „ 300 „ | „ 1,75 | 7 „ „ 70 „ |
| „ 350 „ | „ 1,95 | 8 „ „ 95 „ |
| „ 400 „ | „ 2,20 | 10 „ „ 20 „ |
| „ 450 „ | „ 2,45 | 11 „ „ 45 „ |
| „ 499 „ | „ 2,70 | 12 „ „ 68 „ |
| פאָר 500 „ | „ 2,70 | 12 „ „ 70 „ |

די טאבעלע איז פארגעזצהן ביז 10,000 זל. וואס מיר וועלען ברענגען אין די קומענדיגע נומערען.

## קאָמוניקאַט פון ראַדאָמער פּאַלעסטינאַ-אַמט.

### בעשטעטיגטע סערטיפיקאטען.

### 1-טע קאַטעגאָריע.

(ה מ ש ך)

דוד ראדאמסקי, שמחה ברוך הערץ, נתן דוד קאָרמאַן, חיים משה זילבערבערג, מענדיל באַקמאַן, הינה פייגע גרינבוים, מאיר אַבראַמאָוויטש, ברוך קירשענצווייג, שמואל משה שמעדראָ, קלמן גאָלדשטיין, אברהם סטראַוועטשינסקי, מאיר ראָזענצווייג, אהרן גראָספעלד, מרדכי בירענבוים, אלימלך פיינקינד, רבקה זעליגער, חוה בריקמאַן, רייזעל קורץ, פייגע ווייסבאָרד, מרים העכטמאַן, איידעל קאָרמאַן, אלימלך מעדאַליאָן, יהודית חוואָט, שרה באָראָוועך, לייבוש הויזווירט, שמואל שפּייזמאַן, זכריה ראָזענבלאָט, עקיבא קנאָבעל, ישעיה ראָזענצווייג, ישראל שטאָטמיינער, שמחה צוקער, אשר זעליג ווידז, חיים אליעזר וייל, צבי וואָרעס, פנחס ביאלסקי, קאָרטש איטשע, יוסף בירענבוים, שרה וויינבערג, פעריל ליבע קאוואנאָוויטש.

### 2-טע קאַטעגאָריע:

נחמה לענגער, ישראל קירשענצווייג, משה חיים רייך, אברהם פרץ בארענשטיין, זלמן צימבאַליסט, טויבע דיאַמענט, ישעיה גאָלדשטיין, ביגה וויינטרויב, פעריל פּסטשעווסקי, לאה גוטמאַן, יהודה חיימאָוויטש, אלימך קאַפּער, פסח קערשבערג, משה בונים בלאָס, רפאל אַבראַמאָוויטש, זאב קאָרמאַן, חיי' אייזענמאַן.

### 3-טע קאַטעגאָריע:

יוסף מאיר פריד, אַברהם ווערטהיים, שלמה קירשענבוים, יעקב נתן פעלדמאַן, דוד האַלבערשטיין, נתן דוד מאגנישעווסקי, ראובן מאיר קייפמאַן, אליהו ווייצמאַן, משה רפאל לינזעל, שמואל מרדכי רייז, יעקב מאיר ראָזענצווייג, יצחק דראָוויטש, משה פינקעלשטיין, יוסף איילבוים, יוסף שערמאַן, חיים ראָזענבערג, פעסע מעדאַליאָן.

### רעקאָמענדאַציע - בריעף (המלצה)

ירחמיאל בארענשטיין, אליעזר באָרענשטיין, משה ראַצימאָר.

---

ה' קעסטענבערג אָבגעפּראָטעסטירט דעם עדות און צוזאמענגעשטעלט א גאַנצע מאָנאָגראַפיע פון עדות: מיט וואָס ער האָט געהאנדעלט, מיט וועמען ער האָט זיך געקריעגט, צי ער האָט גענומען ערגיץ-וואו שטיצע, צי ער האָט געפעלשט וועקסלען, וועמענס מאַמע ס'איז געווען אַ קעכין, וואו מ'האָט פערמשכונ'ט ספרי תורות, ווען דער עדות איז געווען אויפ'ן ברית ביי ה' קעסטענבערג, ווער ס'האָט געהאַנדעלט אין געהיים מיט בראנפען, וועמען מ'האָט ניט בעלאָז'ט ליינען דאָס ספר אין שוהל, ווער ס'האָט גע'גנב'עט אין „עזרה". ה' קעסטענבערג ווייסט פון אלע' געהיימניסען פון זיינע עדות, ער שרייבט עס אַלץ אויף קליינע נאָטיצלעך און דערלאַנגט זיי יעדעס מאָהל אַ צווייטען פון זיינע אדוואָקאַטען, וועלכע ליינען באַלד אַרויס אויסענווענדיג די דיקטאַנדא, און דער עדות ווערט געשמעלט אונטער אַ קרייץ-פייער פון פראגען, וואָס זענען אויסען איהם צו דיסקרעדיטירען און ארונטערצורייסען זיין אויטאָריטעט און חשיבות.

און טאַקי דאָס איז זעהר פּערדעכטיג, וואָס ה' קעסטענבערג קען אַזוי צו-גוט די עדות פון געגנערישען לאַגער. אָט די זעלבע אויסשטודירטע רעזשי און די פאָטאָגראַפישע אויפנאָהמען זיינע פון יעדען עדות, פיהרט אַרויף אויף שפורען פיל מיט חשד, דאס צו-גוט קענען די עדות זענען מרמז, אַז אויך אין יענע יאָהרען בימי פּאָניצ און נאָכהער די עסטרייכישע אָקופּאַציע האָט ער די זעלבע עדות אַזוי גוט געקענט ווי היינט...

אויך דאָס אליין איז אַ ביסעל אויפפאַלענד...

ביעלסקי - ביאַלסקי.

ביעלסקי, דער פערטיידיגער פון ה' קעסטענבערג און ביאַלסקי זיין בעשולדיגער, צוויי עהנליכע נעמען מיט ענטקעגענגעזעצטע און קאָנטראַסטליכע שטרעבונגען אָבער ווי סימבאָליש איז עס, וואס ביידע עהנליכע נעמען מיט זייער להיפּך'דיגען אינהאלט האבען פּאָרט צווישען זיך אַ געוויסען נזוא— מענהאנג. דער נאמען ביאַלסקי פערקערפּערט און זיך ביידע געשיכטליכע באַזען פון ה' קעסטענבערג'ס עפּאָפּעע. דער נאמען ביאַלסקי, איז און א געוויסע מאָס פערבינדען מיט דער עפּאכע, ווען ה' קעסטענבערג'ס שטערען איז אויפגעגאנגען אויפ'ן ראדאמער רבנישען האָריזאָנט.

ה' ביאַלסקי, האָט קעסטענבערג'ן פּאָרגעשטעלט פאַר'ן גובערנאטאר זאסיאָדקאָ אלס פּאָדראַבין און דערנאָך איז ער געגען איהם אַרויסגעטרעטען מיט דער בעשולדיגונג, וואס ער ה' קעסטענבערג האָט זיך געמאַכט פאר א רב און איז ווייט אַריבערגעטרעטען די גרעניצען פון דער פּראטעקציע. אין דעם קליינטשיקען אות-אונטערשיעד פון ביאַלסקי—ביעלסקי, ליגט דער שליסעל פון דער גאַנצער געשיכטע — קעסטענבערג.

### „שוויאַטלאָ" אָדער „טשעמנאָשטש"

די גאַנצע צייט פון פּראצעס זיצט אין געריכט א אַלטע אַ גראָז-גראָהע קריסטען. איהר קליידונג און אויסזעהן זאָגען עדות. אַז זי געהערט צום עלטערען און פּאַרצייטיש—אַריסטאָקראַטישען דור פון דער פּוילישער געזעלשאפט. זי פאָלגט נאָך די געריכט'ס פערהאַנדלונגען מיט דער גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. זי האלט שטאַרק פונ'ם פאַן סענדזשיע יוזעף בעקערמאַן און זי זאגט, אז אויפ'ן פּראצעס צווישען די ה"ה קעסטענבערג און פאגעלמאַן קומט פאָר א קאַמף צווישען שוויאַטלאָ און טשעמנאָשטש. אין טאג פון פּראַצעס, ערב דעס אורטהייל קומט זי אַ פערסאָנעטע אַנצולויפען און ביים טהיר שטעהענדיג, פרעגט זי דעם פּאָליציאַנט—אַ קטאָ זוויטשענזשי, שוויאַטלאָ טשי טשעמנאשטש?—

—אַ באָ יאַ וויעם, נאַ טאָ יעסט סאנד ענטפערט מיט אַ שמייכעל דער פּאָליציאַנט און די אַלטיטשקע הינקט אריין אין געריכט. — נאכן אויסליינען דעם אורטהייל רופט זי אויס מיט בעגייסטערונג און עדות'ט זיך: אַלע פּאָוויעדזשאַלאָם, זשע שוויאַטלאָשטש מושי זוויטשענזשיטש... —

דער המשך.

## צום צווייטען מאהל אבגעלעגט דעם פאליטישען פראצעס.

עהערנעכטען, מיטוואך, איז דער היגער קרייז־געריכט צוגעטרעטען צום צווייטען מאהל בעטראכטען דעם פראצעס פון די 9 ראדאמער יונגעלייט און 1 פרייליין. ביים אברופען די נעמען פון די עדות האט זיך ארויסגעוויזען, אז ס'פעהלען עדות מצד דער בעשולדיגונג, ווי אויך פון דער פערטיידיגונג. צווישען די זיך נישט־שטעלענדיגע עדות האט זיך אויך געפינען דער עדות לעאן בזשעזשינסקי, וועלכע דארף ארויסטרעטען מצד דער בעשולדיגונג, בזשעזשינסקי האט זין אויך נישט געשטעלט דאס פריהערדיגע מאהל צום פראצעס און מ'האט איהם אויפגעזוכט אין לאדז, פון וואן ס'איז פארגעשטעלט געווארען א צייגניש, אז ער איז שלאף. דאס געריכט האט נישט גענומען אין אכט די קראנקען־צייגניש דערפאר, וואס דער אונטערשריפט פון דאקטאר איז נישט גענוג קלאהר. די פערטיידיגער האבען צוליב די אלע טעמים געמאכט א פארשלאג, אז דער פראצעס זאל אבגעלעגט ווערען. דאס געריכט איז אוועק אויף א צוויי שעה׳דיגע בעראטונג און נאכהער מסכים געווען מיטן פארשלאג פון די פערטיידיגער אבצולעגען דעם פראצעס.

לויט ווי מען רעכענט וועט דער פראצעס ענדגילטיג בעטראכט ווערען דעם סוף פון היינטיגען חודש.

## רעפעראטען אין האנדוו.—קלוב

פאר צוויי וואכען פרייטאג־צו־נאכט דעם 27/11 האט ד"ר פאמראק געהאלטען א אינטערעסאנטען רעפעראט א. ד. ט. „די געפאהר וואס דראהט אייערע קינדער" ה' פאמראק האט זעהר שעהן ארומגערעדט וועגען דער פיזישער און גייסטיגער ענטוויקלונג פון יודישען קינד אין דער היים, ווי אויך אין דער שולע. דער רעפעראט איז פארגעקומען אין האנדווערקער־קלוב און צוגעצויגען א עולם איבער 300 צוהערער.

פאריגען פרייטאג צו־נאכט האט ד"ר שענדעראוויטש געהאלטען א פארלעזונג אין האנדווערקער־קלוב א. ד. ט. „וועגערישע קראנקהייט אלס פאלקס־געפאהר" ה' שענדעראוויטש פערשטעהט די וויכטיגקייט פון זיינע רעפעראטען און ער בעמיהט זיך אלץ איבערצוגעבען אין א גרינגע, פאפולערע שפראך, פאר וואס זיינע צוהערער זעגען איהם דאנקבאר. ה' שענדעראוויטש'ס פארלעזונג האט ארויסגערופען אינטערעס און צוגעצויגען א גרעסערען עולם צוהערער.

## פון דער פעראייניגטע נ. פ. קאמיסיע אין ראדאם.

די גרעסטע פושקעס בעת דער לעצטער הרקה

| | |
|---|---|
| לייביל פרידמאן סקארישעווסקא | 8,25 |
| דוד סאווע מלעצנע | 6,00 |
| סוחרים־פעראיין לובעלסקא 18 | 5,00 |
| יוסף סאנדעל מיכאליך | 5,00 |
| יעקב אדלער לובעלסקא 31 | 5,00 |

## פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

פרייטאג צו נאכט'ס, דעם לעצטען חנוכה־אוועגד דעם 18/12 ד. י. אום 8 א זייגער אוועגד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל א חנוכה־רעפעראט פון פראפ. מושקאטבליט א. ד. ט. „הנרות הללו". איינגאנג נור פאר מיטגלידער. מ'בעט צו קומען פינקטליך.

## צעירי ציון.

נאך א קורצער הפסקה האט „צעירי ציון" ווידער בעגייט איהר טהעטיגקייט אין אייגענעם לאקאל, לובלינער 27.

יעדען פרייטאג־צו־נאכט קומען פאר חברים־שמועסען און רעפעראטען. ס'זענען אויך איינגעארדענט געווארען העברעאישע קורסען.

## חנוכה־פייערונגען.

די קולטור־קאמיסיע ביים האנדווערקער־קלוב ארדענט איין היינטיגען שבת־צו נאכט א טראדיציאנעלען חנוכה־אוועגד מיט א רייכען און אינטערעסאנטען פראגראם. אויפ'ן אוועגד וועט אנטייל געמען די גאנצע דראמאטישע סעקציע ביים האנדווערקערקלוב.

וונטאג דעם צווייטען טאג חנוכה וועט אין דער שטאדטישער שוהל פארקומען א חנוכה־פייערונג, אויף וועלכער ס'וועלען זיך בעטייליגען די תלמידים פון דער תלמוד־תורה. א אייגענער כאר אונטער דער לייטונג פון חזן ישראל קופער וועט אויפפיהרען א רייהע פאלק'ס־נגונים. די תלמידים וועלען רעפערירען מעניני דיומא און ס'וועלען געהאלטען ווערען רעדעס איבער ערצ־העריזשע און רעליגיעזע טהעמעס. צוליב דעם, וואס די הכנסה פון דער פייערונג געהט לטובת דעם למוד פון די ת"ת־קינדער, איז א חוב פון דער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם צו אונטערשטיצען די פייערונג און צאהלרייך בעזוכען די שוהל.

דער בעריהמטער שוהל־קאנטאר ה' יאפע, וועט קימענדיגען זונטאג צינדען דאס דריטע חנוכה־ליכטעל אין שוהל ה' יאפע וועט מיט זיין גוט איינשטודירטען חאר זינגען א רייהע פרעכטיגע סינאגאגאלע זאכען און קלאסישע קאמפאזיציעס. ס'איז בלי ספק ווערט צו קומען הערען דעם גוטען חזן און בעריהמטען זינגער יאפע, וועלכער בעזיצט א ריזיגען לירע־טענאר און צייכענט זיך אויס מיט זעלטענעם רוט'ן ביים אויפפירען קלאסישען געזאנג.


צו פאבריק'ס־פרייזען

פלאטיר־אויסארבייטונגען אויף ווייס־מעטאל ווי: לעפיל מעסער, גאפלען אזן אלערליי גאלאנטעריע

עמפפעהלט די פירמע

**א. מאלעצקי**

28—06 ראדאם


## געזעלשאפטליכעס.

### לעגאליזירט דעם ספארט פעראיין „חשמונאי".

א דאנק דעם ה' ש. שטראזמאן איז פאריגע וואך לעגאליזירט געווארען, לויט דעם נומער 895, פון דער קעלצער וואיעוואודזטווא דער היגער ספארט קלוב „חשמונאי" ביים ספארט פעראיין איז געעפענט געווארען א אבטיילונג פאר שווער אטלעטיק: ווי באקס, וואלקעס אונטער דער לייטונג פון קאפ. ה' גוטמאן.

דער סעקרעטאריאט לובלינער 12 איז טעטיג פונ 3—5 טעגליך.


פאר קינדער און הויז־דינערשאפט

אייזערנע בעטלעך צוזאנמענגעלייגטע, סאלידע אויסארבייטונגען, פון 14 זל. אן.

עמפפעלט די פירמע.

**א. מאלעצקי.**

28—67 ראדאם.


## מכבי'ער ראאוט.

פאריגען שבת־צו נאכט האט „מכבי" איינגעארדענט א ראאוט אין „מיראזש" דער ראאוט האט זיך אנגעהויבען מיטן תחזקנה־מארש און די יודישע ספארטס־יונגעלייט האבען צווישען זיך פערברענגט געמיטלעך דעם אוועגד.

אויפ'ן ראאוט זענען געוועזען עטליכע עלטערע קריסטען, און אפילו אייניגע ענגלענדער, פון דער יודישער געזעלשאפט, אבער, זענען א פנים געווען ווייניג בעלנים צו קומען אויף א אוועגד, איינגעארדענט דורך א יודישען ספארט'ס־פעראיין, ווע מענס חטא, ער בעשטעהט אפשר דערין, וואס ער שטרעבט צו העלפען אויסוואקסען א געזונטען יודישען דור...


### וואו קען מען בעקומען א פאטענט נישט בעצאהלענדיג באלד קיין געלד?

נור אין דער ביטע און קארעספאנדענץ־ביורא.

# „פאליטעקס" וואעל 5.

וועלכע ערלעדיגט פינקטליך, סאליד, שנעל און אויף די בעסטע, צונעגליכע און לייכטסטע בעדינגונגען.

„פאליטעקס" ווייסט אבצושאצען דעם היינטיגען שווערען קריזיס פון יעדען סוחר און בעזארגט דעם פאטענטען־אויסקויף פאר אלע, און אפילו פאר די, וועלכע האבען נישט באלד אויפן ארט צו בעצאהלען פאר'ן פאטענט.

די אלע, וועלכע ברויכען אויסקויפען פאטענטען ברויכען זיך נאר ווענדען אין דער ביורא „פאליטעקס" וואעל 5

איילט אייך און פערשפעטיגט נישט צו געניסען פון דער גינסטיגער

ג ע ל ע ג ע נ ה ײ ט!!!

# ערקלערונג.

מיר אונטערגעשריבענע ערקלערען, אז אין צוזאמענהאנג מיט דעם איאנס פון דער פאריגער וואך געגען ה' שלמה ציטרין בנוגע דעם שטיבעל, דאט מיר האבען זיך מיט איהם גוטוויליג פארגלייכט דאס הייסט מיר האבען צוריק א שטיבעל און מיר זענען צופרידען פון דעם אויסגאנג פון אינצידענט על צד יותר טוב. בשם השטיבל דקורטשיב

הגבאי יחזקאל האכגלאבער, דוד לעהרער, וועלוויל איידעלשטיין, חיים פנחס זאלצמאן.

צו מיין פאמיליע און גוטע פריינד!

אזוי ווי איך געפין זיך מיט מיין פאמיליע זעהר אין א קריטישע לאגע מיר ליידען נויט הונגער און מיין פרוי ליגט שוין עטליכע מאנאטען קראנק, בעט איך אייך טהייערע מיינע ראטעוועט אונז פון נויט דען די לעצטע כחות גייען אונז שוין אוס.

מיט דרך ארץ

הערש ווייסעלפיש.

Fela Berkowiczówna
Grójec

Heniek Hofman
Radom

ZARĘCZENI

Radom 5/12 — 25.

צו די פערלאבונג פון אונזער געליבטען ברודער יחיאל האפמאן מיט פרל' פעלא בערקאוויטש ווינשען מיר, אז זייער צוזאמענבונד זאל געשלאסען זיין מיט גליק און צופרידענהייט.

שוועסטערן מאטיל, זלאטי.

צו די פערלאבונג פון אונזער קוזין יחיאל האפמאן מיט פרל' בערקאוויטש ווינשען מיר, אז זייער מזל זאל לייכטען ווי די זון אין תמוז.

קוזינען און קוזינקעס,
זיירענוועבער שרה.

צו די פערלאבונג פון אונזער ליבע טאכטער און שוועסטער פעלא בערקאוויטש מיט ה' יחיאל האפמאן ווינשען מיר זיי גליק און צופרידענהייט.

עלטערען, ברודער און שוועסטער בערקאוויטש.

## וואס א ראדאמער סוחר קען!

דער ראדאמער סוחר ה' בנימין רייך האט אויף מיר געהאט פראטעסטירטע וועקסלען און ער איז געקומען צו מיר פרייטאג דעם 4/12 און געמאכט מיר א זאיענטשי. נאך דער זאיענטשי האט ער מיר פארגעלעגט זיך צופערגלייכען אויף וואס איך האב מסכים געווען. ער האט מיך געהייסען ארויפקומען צו זיך אום דארט זיך אויסצוגלייכען. פארנאכט בין איך ארויפגעגאנגען צו איהם מיט די פרוי פישמאן און אין דער געגענווארט פון דער פר'. פישמאן האב איך איהם בעצאהלט דאס געלד וואס מיר זענען אדורך געקומען. איך האב איהם געגעבען דאס געלד און ער האט מיר געבן ויך געבען 5 וועקסלען. ער האט מיר נאר געגעבען 3 ווייל צוויי וועקסלען זענען נאך געווען ביים קאמארניק. אויף די צוויי נישט בייגעלגטע וועקסלען האט ער מיר געגעבען א קוויטאנציע מיט זיין אינטערשריפט, אז איך האב דאס אלץ ערלעדיקט און אז ער דארפט מיר געבען די צוויי וועקסלען מיטן קוויטעל פון קאמארניק, אזוי ווי ה' רייך האט געהאט אנגעשריבען די קוויטאנציע און די פרוי פישמאן איז צוגעגאנגען דאס אויסטריקנען, איז ה' רייך נאכדעם ווי ער האט שוין געהאט צוגענומען דאס געלד פון דער פרוי זאלצמאן, בעפאלען די פרוי פישמאן און מיט געוואלד פון א יהר ארויסגעריסען דאט קוויטעל און עס צוריסען אין פצ"פרענט אט. דאס קען דער ראדאמער סוחר בנימין רייך. וואס האט זיין וואינונג רינעק 11. נישט קיקנדיג דערויף וואס די גאנצע זאך איז איבערגעגעבען געווארען די פאליציי געפין איך דאך פאר נויטיג דאס בעקאנט צומאכען פאר דער גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין ראדאם.

ברײנדיל זאלצמאן, בלומה פישמאן.

טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ראדאם

פעראייניגטע טרופע פון יודישען ארטיסטען-פעראיין איןווארשא.

מיט'ן אנטייל פרויען: ביאלקאוויטש, לובארטאווסקא, צאהם, אידא ראזענצווייג, שפילמאן. ה"ה: ביאלקאוויטש, בלאט, ווינער, וויינבערג, פעלד, קליין, שטיין.

גרויסער ערפאלג! הינדערטער מענשען זענען אוועק פון דער קאסע נישט בעקומענדיג קיין בילעטען,

פרייטאג דעם 11-טען דעצעמבער 8.30 אווענד ווערט געשפיעלט די פארסע

# געצעלע גולם

אין 3 אקטען
פון י. אדלער

צום שלוס טרעט אויף מיט ספעציעלע טענץ דער באלעטמייסטער ה' קליין

שבת דעם 12-טען דעצעמבער ה. י. 8.30 אווענד וועט געשפיעלט צום ערשטען מאל אין ראדאם די נייעסטע אפערעטע

# דאס זיסע מיידעל

מיטוואך דעם 16-טען ה. ח. פון 60 גר. ביז 50–1 זל. ווערט געשפיעלט

צום 5-טן מאל די אפערעטקע
אין 3 אקטען פון שאר

# בערעלע באסיאק

מיט ספעציעלע טענץ טרעט אויף דער בעוואוסטער באלעטמייסטער ה' קליין

בילעטען קען מען בעקומען אין קאסע פון טעאטער פון 2–11 און פון 5 נ. מ.

געשעפטס-פיהרער לייכטער

## Kino „Phenomen"
KIELCE

היינט און יעדען טאג! ( דאס געהיימניס פון טאקסאמעטער 1054 )

# Wampiry Warszawy

א סענסאציאנעלער דראמאט
אין 12 אקטען

אין די ראל פון גרעפין טאמאדסקא — מאריא באלצערקיעוויטשובנא

## Kino „PANI" KIELCE

Dziś i dni następnych — Dziś i dni następnych!

Wiekopomne arcydzieło Wł. Reymonta!

# CHŁOPI

z FRENKLEM

2 serje 12 aktów razem.

איזוי ווי עס געפינט זיך אין ראדאם א לעהרער מ. ד. וואס האט אויף מיר געמאכט א פאלש וועקסיל און וויל עס נישט צאהלען, און דאס וועקסיל איז שוין אין סאנד, אך האב איהם גערופען צום ראבינאט איהם מתרה צו זיין האט ער אויך נישט געוואלט גיין, אלזא בין איך איהם יעצט מתרה אז איך וועל זאגען אין סאנד אז דאס וועקסיל איז פאלש און ער זאל צו מיר נישט האבען קיין שום פרעטענזיע.

מיט אכטונג.

יהושע בארענשטיין.

## Kino „ODEON" w Radomiu.

od 10 do 13 grudnia

# W SIECI PRZEMYTNIKÓW

*(Zabójstwo na okręcie)*

w roli głównej **Leon Mathot**

**Anons:** od poniedziałku

*Luksusowe kobietki*

**z Lee Parry** w roli głównej

# בעקאנטמאכונג.

זונטאג יום א' מקץ כו' כסלו ב' דחנוכה דעם 13/12 ד. י. פינקטליך 3 א זייגער. נ. מ. וועט אין דער

שטאדטישער שוהל פארקומען

# א חנוכה פייערונג

פון די תלמידי „תלמוד-תורה" הכללית אין אונזער שטאדט אונטער דער לייטונג פון מנהל ה. ראזענבערג

די פייערונג וועט אויסגעפיהרט ווערען דורכן אייגענעם כאר מיט דער בעטייליגונג פון בעוואוסטען חזן ישראל קאפפער

אויך וועלען אייניגע תלמידים רעפערירען א. ד. ט:

1) די בעדייטונג פון נס חנוכה; 2) דער גייסט און די פעדאגאגיקע; 3) דאס ערציהונג פון יונגען דור 4) אהבת תורה ואהבת ישראל א. א.

יעדער איינער דארפט זיך בעזארגען מיט א איינטריטס קארטע און קומען פינקטליך 3 נ. מ. און פאר פרויען ספעציעלע רעזערווירטע פלעצער אין דער פרויען שוהל דורך איינטריט'ס קארטען.

ועד ת"ת הכללית בראדום.

בעמערקונג: איינטריטס קארטען איז צו באקומען אויף פאלגענדע ערטער ביי ה' חיים ניימאן לובלינער 18, ה' גאלדפיין לוב. 23, ה' פינקעלשטיין לוב. 11 ה' גינזבערג לוב. 1, ה' ווערטהיים וואהל 2, ה' בלאט וואהל 5, ה' ריכטמאן פאדוואלנע 1 ווי אויך אין דער קאנצעלאריע פון דער „תלמוד-תורה" וואהל 28